North Thames Paediatric Network
Connecting paediatric services

Yiddish

# מארטא- קעיר
# קאמיוניקאציע און הילף מיט שנעלע פארערגערונג

## אינפארמאציע פאר פאמיליעס און פארזארגער

א נארט טעימס פיאדראטישע נעטווארק טעסטינג פראיעקט

martha's rule
detecting deterioration

Children's Acute Transport Service NHS

## טרעפט אייך מיט די **NTPN** מארטא-קעיר גרופע

### ראטגעבער



קרעיג קנאטט



זשעני פאלאוועלא



בעאטריס אלנאט



כאוויער גאוועלא

### פאמיליע געשטיצטע קראנקן-שוועסטער



קיילי ליאנס



אננע דאוסאן



אנני ברוס

## וואו פאסירט דורכאויס דעם טעלעפאן שמועס?

איר וועט קענען רעדן צו א CATS ראטגעבער ערשט נאכדעם וואו אייער לאקאלע גרופע האט זיי אינפארמירט איבער אייער קינד און וואו אלס האט פאסירט אין שפיטאל. איר וועט ווערן אויסגעפרעגט איבער אייערע זארגן און פארוואס דארפט איר אריינרופן צו מארטא-קעיר. אונטער געווענליכע ארבעטס שעות וועט א פאמיליע געשטיצטע קראנקן-שוועסטער זיין דארט דורכאויס דעם טעלעפאן געשפרעך אייך צו העלפן אויב איז פארהאן דארט א גרופע ספעציאליסטן וואו זענען א טייל פון אייער קינד'ס באהאנדלונג, קענען זיי אויך ווערן איינגעלאדענט טיילצונעמען אינעם טעלעפאן געשפרעך. מיר וועלן פרובירן צו ארבעטן מיט און אייער קינד'ס דאקטוירים און קראנקן-שוועסטער, איך צו העלפן מיט אייערע זארגן.

## וואו געשעט נאכדעם?

די מארטא-קעיר פאמיליע געשטיצטע קראנקן-שוועסטער, וועלן זיך פארבינדן מיט אייך בערך 4-6 וואכן נאכדעם וואו איר האט גענוצט די מארטא-קעיר סערוויס און זען ווי אזוי איר און אייער קינד באטראכטן אונזער צוגעשטעלטע סערוויס. אונז ווילן זיכער מאכן אז מיר שטעלן צו די בעסטע באהאנדלונג און דערפאר ווילן מיר באמת הערן וואו איר טראכט.

## ווי אזוי קען איך באקומען צוטריט צו נאך אינפארמאציע?

ביטע רעדט צו אייער קראנקן-שוועסטער אדער דאקטער אויב דארפט האבן נאך אינפארמאציע. אדער קענט איר זיך באנוצן אין די פאלגענדע וועבזייטלעך וואו האבן אסאך אינפארמאציע

NHS ענגלאנד - https://:www.england.nhs.uk/patient-safety/marthas-rule//

Martha's Rule https://ntpn.co.uk/marthas-rule - NTPN-2/

## ווער איז די נארט טעימס פיאדראטישע נעטווארק?

אונז זענען א גרופע וואו שטיצט אלע שפיטעלער וואו שטעלן צו סערוויסעס פאר קינדער אין לאנדאן, צפון פון דעם טעימס טייך און אזוי אויך שפיטעלער וועלכע געפונען זיך צו מזרח זייט אינדרויסן פון לאנדאן מיר ווילן אלע קינדער זאלן ווערן אונטערזיכט דורך די שפיטעלער און האבן גלייכע רעכטן צו זיכערהייט און בעסטע באהאנדלונג קוואליטעט

## וואו איז מארטא-קעיר?

מארטא-קעיר איז אן אנדערע וועג ווי אזוי צו באקומען הילף אויב זענט איר באזארגט איבער אייער קינד'ס וואוילזיין אין שפיטאל. דאס איז א סערוויס צוגעשטעלט דורך די נארט טעימס פידיאטרישע נעטווארק (NTPN) און איז א טייל פון א גרעסער פראיעקט אונטערן אויפזיכט פון NHS גערופן **מארטא'ס כללים.**

## וואו איז מארטא'ס כללים?

איר האט מעגליך געהערט איבער מארטא'ס כללים אין די נייעס אדער געזען פאמפלעטן אין שפיטאל. עס ווערט טיילמאל גערופן א *רוף צו זארג* דאס שטאמט פון א פאסירונג מיט א מיידל וואו איר נאמען איז מארטא, זי איז געווארן זייער קראנק אין שפיטאל און איר משפחה'ס זארגן איבער איר פאל איז געווארן איגנארירט. מארטא'ס עלטערן האבן געוואלט זיכער מאכן אז אלע משפחות און פארזארגער, האבן די מעגליכקייט צו באקומען הילף און זייערע זארגן איבער זייער קינד ווערן אויסגעהערט.

## ווי אזוי ארבעט מארטא קעיר?

מארטא-קעיר איז נאך אן אויסוואל ווי אזוי צו באקומען הילף אין שפיטאל, אויב פילט איר זיך באזארגט שוין נאכן נוצן מארטא'ס כללים אדער רוף פאר זארג. דאס איז א טעלעפאן נומער וואו קומט אן צו א באזונדערע גרופע אינדרויסן פונעם שפיטאל אין וועלכע איר געפונט זיך. עס ווערט גערופן די אקוטישע טראנספארטאציע סערוויסעס פאר קינדער (CATS). CATS איז א ספעציעלע סערוויס וואו שטיצט שפיטעלער מיט ערנסט קראנקע קינדער. איר קענט פרעגן אייער דאקטער אדער קראנקן-שוועסטער אנצורופן מארטא-קעיר. די טעלעפאן נומער קען מען רופן 24/7